# זֹוהַר הַקָּדוֹשׁ מִיטְ'ן פֵּירוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אויף אידיש

לוח עמוד היומי בזוה"ק לפרשת נח

פרשת בראשית - נח

| יום | וילנא | מתוק מדבש |
|---|---|---|
| ראשון | נז ע"ב | תרפז |
| שני | נח ע"א | תרצג |
| שלישי | נח ע"ב | תרחצ |
| רביעי | נט ע"א | תשד |
| חמישי | נט ע"ב | א |
| שישי | ס ע"א | ז |
| שב"ק | ס ע"ב | יב |

יו"ל בעזהשי"ת ע"י מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

מתוק מדבש

עלון מס' 2

פרשת **בראשית** תשפ"א

הגליונות באידיש לחג הסוכות העעל"ט ולפרשת בראשית תשפ"א

נתנדב לכבוד נשמת הרה"ק רבי **מרדכי** ב"ר ישכר בער **מנדבורנא** זצוק"ל זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל

## המקרא נאמר בלשון תרגום כדי שלא יקנאו המלאכים באדם

**פָּתַח רַבִּי שִׁמְעוֹן וְאָמַר** לפרש מה שכתוב **בְּרֵאשִׁית בָּרָא** אלהי"ם, הנה **הַאי קְרָא אִית לְאִסְתַּכְּלָא בֵּיהּ** פסוק זה כל אדם צריך להתבונן בו, ולדעת שהאלהי"ם ברא את השמים ואת הארץ, **דְּכָל מַאן דְּאָמַר אִית אֱלָהָא אַחֲרָא, אִשְׁתְּצֵי מֵעָלְמִין** שכל מי שאומר שיש אל אחר, יהיה נכרת מן העולם, **כְּמָה דְּאִתְּמַר** כמו שנאמר **כִּדְנָה תֵּאמְרוּן לְהוֹם** (כך הוא בפסוק לפנינו) פירושו, כי ירמיהו הנביא אמר לישראל שבגולה, שיאמרו להאומות העובדים לצבא השמים בלשונם בלשון תרגום, **אֱלָהַיָּא דִּי שְׁמַיָּא וְאַרְקָא לָא עֲבַדוּ** אלו הנקראים אלהים והם לא בראו את השמים והארץ, **יֵאבַדוּ מֵאַרְעָא וּמִן תְּחוֹת שְׁמַיָּא אֵלֶּה** הם יהיו נאבדים מן הארץ ומן תחת השמים האלה שברא הקב"ה, ומפרש בסוף המאמר, שעליהם נאמר והארץ היתה תהו ובהו, **בְּגִין דְּלֵית אֱלָהָא אַחֲרָא בַּר קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּלְחוֹדוֹי** כי אין אלוה אחר רק הקב"ה לבדו, **וְהַאי** (דף ט ע"ב) **קְרָא אִיהוּ תַּרְגּוּם, בַּר מִמִּלָּה דְּסוֹף קְרָא** פסוק זה הוא לשון תרגום, חוץ מהמלה של סוף הפסוק, שהיא מלת "אלה", **אִי תֵימָא בְּגִין דְּמַלְאָכִין קַדִּישִׁין לָא נִזְקָקִין לְתַרְגּוּם וְלָא אִשְׁתְּמוֹדְעָן בֵּיהּ** אם תאמר לכך פסוק זה נאמר בלשון תרגום לפי שמלאכים הקדושים אין נזקקים לתרגום, ולא רוצים לדעת אותו, (ור"ל כי כששומעים מי שמדבר בלשון תרגום מאוס הוא בעיניהם, ואינם רוצים לשמוע, אבל אם ירצו לשמוע הם מבינים, כי הלא רבי שמעון היה מדבר בלשון תרגום, ומלאכים היו באים לשמוע, והטעם שרבי שמעון דיבר בלשון תרגום, הוא כדי להכניע את הקליפות בלבושם), ושואל, אם כן **מִלָּה דָא יָאוּת הִיא לְמֵימַר בְּלִישְׁנָא קַדִּישָׁא** את הפסוק הזה "כדנה תאמרון להום וגו'" היה ראוי לומר בלשון קודש, **בְּגִין**

ע"ט

### דֶער פָּסוּק אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף תַּרְגּוּם לָשׁוֹן כְּדֵי דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ

**רַבִּי** שִׁמְעוֹן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, צוּ עֶרְקְלֶערְן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים", אִין דֶעם פָּסוּק דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער אַרַיינְטְרַאכְטְן, אוּן וִויסְן אַז גָאט הָאט בַּאשַׁאפְן הִימְל אוּן עֶרְד, וַוייל וֶוער עֶס זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַן אַנְדֶער גָאט, דֶער וֶועט פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן פוּן דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "כִּדְנָה תֵּאמְרוּן לְהוֹם אֱלָהַיָּא דִּי שְׁמַיָּא וְאַרְקָא לָא עֲבַדוּ, יֵאבַדוּ מֵאַרְעָא וּמִן תְּחוֹת שְׁמַיָּא אֵלֶּה", דֶער פְּשַׁט פוּנֶעם פָּסוּק אִיז אַזוֹי - יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִי אִידְן אִין גָּלוּת, אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן צוּ דִי פֶעלְקֶער, וָועלְכֶע דִינֶען צוּ דִי הִימְלִישֶׁע מִילִיטֶער, אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ וָואס דָאס אִיז תַּרְגּוּם לָשׁוֹן - דִי וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן גֶעטֶער אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט בַּאשַׁאפְן הִימְל אוּן עֶרְד, זֵיי וֶועלְן פַארְלוֹירְן וֶוערְן פוּן דֶער עֶרְד אוּן פוּן אוּנְטֶערְן הִימְל וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער עֶרְקְלֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז אוֹיף זֵיי זָאגְט דֶער פָּסוּק "וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ", וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גָאט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. דֶער פָּסוּק אִיז אוֹיף תַּרְגּוּם לָשׁוֹן, אוֹיסֶער דִי לֶעצְטֶע וָוארְט פוּנֶעם פָּסוּק, "אֵלֶּה". אוֹיבּ וֶועסְטוּ זָאגְן אַז דֶער פָּסוּק אִיז גֶעזָאגְט אוֹיף תַּרְגּוּם לָשׁוֹן וְוייבַּאלְד דִי מַלְאָכִים קוּקְן זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף תַּרְגּוּם, אוּן זֵיי ווִילְן עֶס נִישְׁט וִויסְן (דָאס הֵייסְט אַז וֶוען זֵיי הֶערְן וִוי אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיף תַּרְגּוּם לָשׁוֹן אִיז עֶס מִיאוּס אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, אוּן זֵיי ווִילְן עֶס נִישְׁט הֶערְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אוֹיבּ ווִילְן זֵיי הֶערְן פַארְשְׁטֵייעְן זֵיי יָא, וַוייל רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט דָאךְ גֶערֶעדְט אוֹיף תַּרְגּוּם לָשׁוֹן, אוּן דִי מַלְאָכִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען הֶערְן, אוּן דֶער טַעַם פַארְוָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף תַּרְגּוּם לָשׁוֹן, אִיז גֶעוֶוען כְּדֵי צוּ אוּנְטֶערְטֶענִיגְן דִי חִיצוֹנִים מִיט זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ), פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אוֹיבּ אַזוֹי, וָואלְט דֶער פָּסוּק "כִּדְנָה תֵּאמְרוּן לְהוֹם" גֶעדַארְפְט

**דִּיִשְׁמְעוּן מַלְאָכִין קַדִּישִׁין וִיהוֹן נִזְקָקִין לְאוֹדָאָה עַל דָּא** כדי שישמעו אותו מלאכים הקדושים ויהיו נזקקים להודות על זה, שאלוה שלא עשה שמים וארץ יאבד, ומשיב **אֶלָּא וַדַּאי בְּגִין כָּךְ כְּתִיב תַּרְגּוּם דְּלָא נִזְקָקִין בֵּיהּ מַלְאָכִין קַדִּישִׁין** אלא ודאי לכן כתיב תרגום שלא נזקקים לו מלאכים הקדושים, **וְלָא יְקַנְאוּן בְּבַר נָשׁ לְאַבְאָשָׁא לֵיהּ** וכדי שלא יקנאו באדם להרע לו, ור"ל שלא יקטרגו עליו על עונותיו, **בְּגִין דִּבְהַאי קְרָא בִּכְלָלָא אִנּוּן מַלְאָכִין קַדִּישִׁין** לפי שבפסוק זה גם המלאכים הם בכלל, **דְּהָא אִנּוּן אֱלֹהִים אִקְרוּן, וּבִכְלָלָא דֶּאֱלֹהִים הֲווֹ, וְאִנּוּן לָא עֲבַדוּ שְׁמַיָּא וְאַרְקָא** כי גם המלאכים נקראים אלהים, והם בכלל שם אלהים, והם לא עשו את השמים והארץ, אם כן מה שכתוב יאבדו מארעא ומן תחות שמיא אלה, נאמר גם עליהם, לכן כתיב בלשון תרגום שלא יבינו זאת ולא יקטרגו עלינו. (מפרשים).

ושואל מה שכתוב **וְאַרְקָא, וְאַרְעָא מִבָּעֵי לֵיהּ** כי כן הוא תרגומו של מלת ארץ "ארעא", ומשיב **אֶלָּא בְּגִין דְּאַרְקָא אִיהִי חָדָא מֵאִנּוּן שְׁבַע אַרְעִין דִּלְתַתָּא** אלא לפי שארקא הוא אחד מאותם השבע ארצות שלמטה, שכל הנפשות הנכרתות נדונות שם, ונבראו אלו השבע ארצות לגלגל ולהעניש בהם את הרשעים כדי לתקנם, **וּבְהַהוּא אֲתַר אִית בְּנֵי בְנוֹי דְּקַיִן** ובאותו המקום יש בני בניו של קין, **לְבָתַר דְּאִתְתָּרַךְ מֵעַל אַפֵּי אַרְעָא** כי אחר שנתגרש קין עם תאומתו מעל פני הארץ, כמ"ש (בראשית ד יד) הן גרשת אותי היום מעל פני האדמה, **נָחִית לְתַמָּן** ירד שם לארקא, **וַעֲבִיד תּוֹלָדוֹת** והוליד שם בנים, **וְאִשְׁתַּבַּשׁ תַּמָּן** ושם סר ממנו המדע והשכל, ונעשה כאחת הרוחות שבארקא, **דְּלָא יָדַע כְּלוּם** שלא ידע עוד מעניני העולם העליון הזה שנתגרש ממנו, ונשכח ממנו לגמרי כאילו לא היה כאן כלל. **וְאִיהוּ אַרְעָא כְּפִילָא** וארקא היא ארץ כפולה, **דְּאִתְכְּפַל מֵחֲשׁוֹכָא וּנְהוֹרָא** לפי שנכפל מחשך ואור, כי שניהם משמשים שם יחד ביום ובלילה, **וְאִית תַּמָּן תְּרֵין מְמַנָּן שַׁלִּיטִין דִּי שָׁלְטִין דָּא בַּחֲשׁוֹכָא וְדָא בִּנְהוֹרָא** ויש שם שני ממונים השולטים שם, אחד שולט בחשך ואחד באור, **וְתַמָּן קִטְרוּגָא דָּא בְּדָא** ושם הם מריבים תמיד זה עם זה, כי הם שני הפכיים ואין להם יחוד, **וְשַׁעְתָּא דְּנָחִית לְתַמָּן קַיִן** ובשעה שקין ירד לשם, **אִשְׁתַּתָּפוּ דָּא בְּדָא וְאִשְׁתְּלִימוּ כַּחֲדָא**

ע"ט

גֶעזָאגְט וֶוערְן אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, כְּדֵי דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים זָאלְן עֶס הֶערְן אוּן זֵיי זָאלְן מוּזְן מוֹדֶה זַיין דֶערוֹיף, אַז אַ גָאט וֶועלְכֶער הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט הִימְל אוּן עֶרְד זָאל פַארְלוֹירְן וֶוערְן, עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, נָאר זִיכֶער שְׁטֵייט עֶס אוֹיף תַּרְגּוּם לָשׁוֹן אוֹיף וֶועלְכֶע דִי מַלְאָכִים קוּקְן זִיךְ נִישְׁט אוּם, כְּדֵי דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים שְׁלֶעכְטְס טוּן, אוּן חָלִילָה נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף זַיינֶע זִינְד, וַוייל אִין דֶעם פָּסוּק זֶענֶען אוֹיךְ דִי מַלְאָכִים אַרַיינְגֶערֶעכְנְט, וַוייל זֵיי וֶוערְן אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן אֱלֹהִים, אוּן זֵיי זֶענֶען אִין כְּלַל פוּנֶעם נָאמֶען אֱלֹהִים, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעמַאכְט הִימְל אוּן עֶרְד, אוֹיבּ אַזוֹי גֵייט אוֹיךְ אוֹיף זֵיי דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק אַז זֵיי זָאלְן פַארְלוֹירְן וֶוערְן פוּן דֶער עֶרְד אוּן פוּן אוּנְטֶערְן הִימְל, דֶערְפַאר שְׁטֵייט דֶער פָּסוּק אוֹיף תַּרְגּוּם לָשׁוֹן כְּדֵי זֵיי זָאלְן דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אוּנְז.

**פְּרֶעגְט** וַוייטֶער דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, אוּן פַארְוָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְאַרְקָא", אוּן נִישְׁט "וְאַרְעָא", וָואס דָאס אִיז דֶער תַּרְגּוּם פוּן דִי וָוארְט "אֶרֶץ", עֶרְד, עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, אַז דָאס אִיז וְוִיבַּאלְד "אַרְקָא" אִיז אֵיינְס פוּן דִי זִיבְּן "אֲרָצוֹת" פוּן אוּנְטְן, וָואס אַלֶע נְפָשׁוֹת וֶועלְכֶע וֶוערְן פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן דָארְט בַּאשְׁטְרָאפְט, אוּן דִי זִיבְּן אֲרָצוֹת זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן כְּדֵי דָארְט זָאלְן דִי רְשָׁעִים מְגוּלְגָל אוּן בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן כְּדֵי זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען זֵייעֶר תִּיקוּן, אוּן אִין יֶענֶעם אָרְט גֶעפִינֶען זִיךְ דִי קִינְדְס-קִינְדֶער פוּן קַיִן, וַוייל נָאכְדֶעם וָואס קַיִן אִיז פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן צוּזַאמֶען מִיט זַיין צְווִילִינְג פוּן דֶער עֶרְד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "הֵן גֵּרַשְׁתָּ אוֹתִי הַיּוֹם מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה", דוּ הָאסְט מִיר דָאךְ הַיינְט פַארְטְרִיבְּן פוּן אִיבֶּער דֶער עֶרְד, אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען דָארְט קַיין אַרְקָא, אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער, אוּן דָארְט אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים דֶעם וִויסְנְשַׁאפְט אוּן שֵׂכֶל, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פוּן דִי גֵייסְטֶער אִין אַרְקָא, מֶער נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן דִי זַאכְן פוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועלְט פוּן וואוּ עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן פוּן אִים אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דָא קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען. אוּן דִי "אַרְקָא" אִיז אַ טָאפְּלְטֶע לַאנְד, וְוִיבַּאלְד עֶס אִיז גֶעטָאפְּלְט פוּן טוּנְקְלְקַייט אוּן לִיכְטִיגְקַייט, וַוייל בֵּיידֶע גֶעוֶועלְטִיגְן דָארְט אִינְאֵיינֶעם, בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן עֶס זֶענֶען דָארְט פַארְהַאנֶען צְוֵויי גֶעוֶועלְטִיגֶער וֶועלְכֶע הֶערְשְׁן דָארְט, אֵיינֶער הֶערְשְׁט אִין טוּנְקְלְקַייט אוּן אֵיינֶער הֶערְשְׁט אִין לִיכְטִיגְקַייט, אוּן דָארְט קְרִיגְן זֵיי זִיךְ נָאכַאנַאנְד אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, וַוייל זֵיי זֶענֶען צְוֵויי קֶעגְנְגֶעזֶעצְטֶע כּוֹחוֹת אוּן זֵיי פַארְאֵיינִיגְן זִיךְ נִישְׁט, אוּן וֶוען קַיִן אִיז דָארְט אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען, הָאבְּן זִיךְ דִי צְוֵויי עֶרְגֶענְצְט וְוִיבַּאלְד דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְן

נשתתפו זה בזה ונשלמו יחד לפי שנתגבר הממונה על החשך. **וְכֹלָּא חָזֵי דְאִנּוּן תּוֹלְדוֹת דְּקַיִן** והכל רואים שהם תולדות קין, ור"ל אלמלי ניתנה רשות לעין לראות ולהשכל להבין, אז היו כל הרואים את בני בניו של קין מכירים כי הם מזרעו של קין, **וְעַל דָּא אִנּוּן בִּתְרֵין רֵאשִׁין, כִּתְרֵין חֵיוָון** ועל כן הם משונים מאד בשני ראשים, כמו שתי חיות הממונים שם, שצורת האחד כשור, וצורת השני כנשר כדלקמן, **בַּר דְּכַד הַהוּא נְהוֹרָא שַׁלִּיט** חוץ מעת שהממונה על האור שולט, **נָצַח דִּילֵיהּ וְנָצַח עַל אַחֲרָא** אז הוא נוצח ומכניע את הכחות שלו, ונוצח את כחות של הממונה על החשך, **וְעַל דָּא אִתְכְּלִילוּ דִּי בַּחֲשׁוֹכָא בִּנְהוֹרָא וַהֲווֹ חַד** ועל כן נכללו שני הממונים של החשך ושל האור ונעשו אחד, ואמר **אִנּוּן תְּרֵין מְמַנָּן** אלו השני ממונים, נקראים **עפריר"א וְקסטימו"ן, וְדִיוּקְנָא דִּלְהוֹן כְּדִיוּקְנָא דְמַלְאָכִין קַדִּישִׁין בְּשִׁית גַּדְפִּין** וצורתם כצורת המלאכים הקדושים, בזה שיש להם שש כנפים, אבל צורת פניהם **חַד דִּיוּקְנֵיהּ כְּתוֹרָא** אחד צורתו כשור, **וְחַד דִּיוּקְנֵיהּ כְּנִשְׁרָא** ואחד צורתו כנשר, **וְכַד מִתְחַבְּרָן** וכשמתחברים ומתיחדים בעת שמתגבר הממונה על האור, **אִתְעֲבִידוּ דִּיוּקְנָא דְאָדָם** אז הם נעשים בצורת אדם, ור"ל הם כקוף בפני בני אדם.

(הקדמת הזהר דף ט, ע"א-ע"ב ובביאורינו כרך א עמ' קכ-קכג)

## העוסק בתורה בכל יום כדי לזכך את חומרו יזכה לעולם הבא

**וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם** כדי לפרש פסוק זה **רַבִּי אֶלְעָזָר פָּתַח** לפרש תחלה מה שכתוב **מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, פָּעַלְתָּ לַחוֹסִים בָּךְ נֶגֶד בְּנֵי אָדָם** ומקדים ואמר **תָּא חֲזֵי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בָּרָא לְבַר נָשׁ בְּעָלְמָא וְאַתְקִין לֵיהּ לְמֶהֱוֵי שְׁלִים בְּפוּלְחָנֵיהּ וּלְאִתְתַּקָּנָא אָרְחוֹי** הקב"ה ברא את האדם בעולם ותיקן אותו להיות ראוי להשלים עבודתו ולתקן את דרכיו, רצה לומר על ידי שבראו שיהיה בעל בחירה ורצון על ידי זה הוא יכול להשלים עבודתו בעולם, **בְּגִין דְּיִזְכֵּי לִנְהוֹרָא עִלָּאָה דְּגָנִיז קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְצַדִּיקַיָּיא** ותכלית בריאתו היתה כדי שיזכה לאור העליון שגנז הקב"ה להצדיקים, **כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר עַיִן לֹא רָאָתָה אלהי"ם זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ** שום עין אפילו של נביא לא ראתה זולת הקב"ה מה שיעשה לצדיק המחכה לאורו.

ע"ט

טונְקֶלְקַייט הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט. און יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט אַז זֵיי זֶענֶען דִי קִינְדֶער פון קַיִן, דָאס הֵייסְט אַז אויבּ וָואלְט דִי אויג גֶעהַאט רְשׁוּת צוּ זֶען און דֶער שֵׂכֶל וָואלְט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, דֶעמָאלְטְס וָואלְט זֵיי יֶעדֶער אֵיינֶער דֶערְקֶענְט אַז זֵיי זֶענֶען פון קַיִן'ס אָפְּשְׁטַאם, און דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר אויפְפַאלְנְד הָאבְּנְדִיג צְוֵויי קֶעפּ, אַזוֹי וִוי דִי צְוֵויי חַיּוֹת וֶועלְכֶע הֶערְשְׁן דָארְט, וָואס אֵיינֶעמְ'ס גֶעשְׁטַאלְט אִיז וִוי אַן אָקְס, און דֶעם צְוֵוייטְנְ'ס אִיז וִוי אַן אָדְלֶער, אַזוֹי וִוי מִיר וֶועלְן וַוייטֶער זֶען, אויסֶער וֶוען עֶס הֶערְשְׁט דֶער וָואס גֶעוֶועלְטִיגְט אויף דֶער לִיכְטִיגְקַייט, און דֶעריבֶּער וֶוערְן פַארְאֵיינִיגְט דִי הֶערְשֶׁער פונֶעם טונְקֶלְקַייט און פונֶעם לִיכְטִיגְקַייט, און זֵייעֶר גֶעשְׁטַאלְט אִיז אַזוֹי וִוי דִי גֶעשְׁטַאלְט פון דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים, מִיט דֶעם וָואס זֵיי פַארְמָאגְן זֶעקְס פְלִיגְלֶען, אָבֶער דִי גֶעשְׁטַאלְט פון זֵייעֶר פָּנִים אִיז בַּיי אֵיינֶעם אַזוֹי וִוי אַן אָקְס און בַּיי דֶעם אַנְדֶערְן אַזוֹי וִוי אַן אָדְלֶער, און וֶוען זֵיי פַארְאֵיינִיגְן זִיךְ אִינְדֶערְצַייט וָואס עֶס שְׁטַארְקְט זִיךְ דֶער וָואס גֶעוֶועלְטִיגְט אויפְן לִיכְטִיגְקַייט, דֶעמָאלְטְס וֶוערְן זֵיי אַזוֹי וִוי דֶעם גֶעשְׁטַאלְט פון אַ מֶענְטְשׁ, און דָאס הֵייסְט אַז זֵיי זֶענֶען אַזוֹי וִוי אַ בּוּדְזְשַׁאנֶע (מָאנְקִי) אִין פָּארְנְט פון אַ מֶענְטְשׁ.

### וֶוער עֶס בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה יֶעדְן טָאג כְּדֵי אויסְצוּלֵייטֶערְן זַיין קֶערְפֶּער, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא

כְּדֵי צוּ עֶרְקְלֶערְן דֶעם פָּסוּק "וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם", הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר אָנְגֶעהוֹיבְּן און עֶרְקְלֶערְט צוּם עֶרְשְׁט דֶעם פָּסוּק "מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ פָּעַלְתָּ לַחוֹסִים בָּךְ נֶגֶד בְּנֵי אָדָם", און עֶר הָאט צוּם עֶרְשְׁט אַזוֹי גֶעזָאגְט, קוּם און זֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אויף דֶער וֶועלְט, און עֶר הָאט אִים אָנְגֶעגְרָאכְטְן אַז עֶר זָאל זַיין אִימְשְׁטַאנְד צוּ עֶרְפִילְן זַיין אַרְבֶּעט און צוּ פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע וֶועגְן, דָאס הֵייסְט אַז דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעמַאכְט אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַן אויסְוַואל און אַ ווִילְן, דוּרְכְדֶעם קֶען עֶר עֶרְפִילְן זַיין עֲבוֹדָה אויף דֶער וֶועלְט, און דֶער צִיל פון זַיין בַּאשַׁאף אִיז גֶעוֶוען כְּדֵי עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּם אויבֶּערְשְׁטְן לִיכְטִיגְקַייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאהַאלְטְן פַאר דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "עַיִן לֹא רָאֲתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ", קַיין שׁוּם אויג אֲפִילוּ פון אַ נָבִיא, אויסֶער דוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הָאט נִישְׁט גֶעזֶען וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן צוּם צַדִּיק וֶועלְכֶער וַוארְט פַאר זַיין לִיכְטִיגְקַייט.

**וּבְמָה יִזְכֵּי לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְהַהוּא נְהוֹרָא** ועל ידי מה יזכה האדם לזה האור, ואמר **בְּאוֹרַיְיתָא** על ידי עסק התורה הנקראת אור, כמו שכתוב (משלי ו כג) כי נר מצוה ותורה אור, **דְּכָל מַאן דְּאִשְׁתַּדַּל בְּאוֹרַיְיתָא בְּכָל יוֹמָא יִזְכֵּי לְמֶהֱוֵי לֵיהּ חוּלְקָא בְּעָלְמָא דְאָתֵי** כי כל מי שעוסק בתורה בכל יום כדי לזכך את חומרו, יזכה להיות לו חלק בעולם הבא, **וְיִתְחַשֵּׁב לֵיהּ כְּאִלּוּ בָּאנֵי עָלְמִין** ויהיה נחשב לו כאלו בנה עולמות, **דְּהָא בְּאוֹרַיְיתָא אִתְבְּנֵי עַלְמָא וְאִשְׁתַּכְלַל** כי בתחלה בעת בריאת העולם על ידי התורה נבנה העולם ונשתכלל, **הֲדָא הוּא דִכְתִיב יהו"ה בְּחָכְמָה יָסַד אָרֶץ** בחכמת התורה יסד הקב"ה את הארץ, **כּוֹנֵן שָׁמַיִם בִּתְבוּנָה** וכונן ותיקן את השמים על ידי תבונת התורה, **וּכְתִיב וָאֶהְיֶה אֶצְלוֹ אָמוֹן** התורה אומרת אני הייתי כלי אומנתו של הקב"ה, **וָאֶהְיֶה שַׁעֲשׁוּעִים יוֹם יוֹם** כל מה שהיה רוצה הקב"ה לברוא כל יום משׁשת ימי בראשית היה משתעשע בי ועל ידי נבראו, אם כן **וְכָל דְּאִשְׁתַּדַּל בָּהּ שַׁכְלִיל עָלְמִין וְקַיֵּים לֵיהּ** וכל המשתדל בתורה הוא משכלל ומקיים את העולמות.

**וְתָא חֲזֵי בְּרוּחָא עֲבִיד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עָלְמָא** כמו שכתוב (תהלים לג ו) בדבר ה' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם, **וּבְרוּחָא מִתְקַיְּימָא** ועל ידי הרוח הוא קיום העולם, ומפרש **רוּחָא דְּאִנּוּן דְּלָעָאן בְּאוֹרַיְיתָא** על ידי הרוח והבל הפה של המייגעים עצמם בעסק התורה נברא וקיים העולם, **וְכָל שֶׁכֵּן רוּחָא דְּהֶבֶל דְּרַבְיֵי דְּבֵי רַב** וכל שכן הרוח של הבל פיהם של תינוקות של בית רבן שהוא הבל בלי חטא בודאי שמקיים את העולם.

(דף מז ע"א-ע"ב, ובביאורינו כרך כ עמ' תקעב-תקעד)

ע"ט

**און** דורך וואס וועט דער מענטש זוכה זיין צו דעם ליכטיגקייט, דורכן זיך באשעפטיגן אין די תורה וועלכע ווערט אנגערופן ליכטיגקייט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "כי נר מצוה ותורה אור", ווייל יעדער איינער וועלכער באשעפטיגט זיך אין די תורה יעדן טאג כדי אויסצולייטערן זיין קערפער, דער וועט זוכה זיין אז ער זאל האבן א חלק אין עולם הבא, און עס וועט גערעכנט ווערן פאר אים אזוי ווי ער האט אויפגעבויט וועלטן, ווייל אין אנהייב ביים באשאפן די וועלט איז די וועלט געבויט און אויפגעשטעלט געווארן דורך די תורה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "ה' בחכמה יסד ארץ כונן שמים בתבונה", מיט די חכמה פון די תורה האט דער אייבערשטער געגרינדעט דער ערד, און ער האט געגרינדפעסטיגט און אנגעראכטן די הימלען דורכן פארשטאנד פון די תורה, און נאך א פסוק שטייט "ואהיה אצלו אמון ואהיה שעשועים יום יום", די תורה זאגט, איך בין געווען די ארבעט געצייג פונעם אייבערשטן און אלעם וואס דער אייבערשטער האט געוואלט באשאפן יעדן טאג פון די זעקס טעג פונעם וועלט באשאף האט ער געהאט פארגעניגן מיט מיר און דורך מיר זענען זיי באשאפן געווארן, אזוי אויך, יעדער איינער וואס באשעפטיגט זיך אין די תורה, טוט ער גרינדפעסטיגן און אויפהאלטן אלע וועלטן.

**קום** און זע, מיטן "רוח" האט דער אייבערשטער געמאכט די וועלט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "בדבר ה' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם", דורך די רייד פונעם אייבערשטן זענען די הימלען געמאכט געווארן און דורך די לופט פון זיין מויל זענען געמאכט געווארן אלע זייערע מיליטער, און דורך "רוח" האלט זיך דער וועלט, ווייל דורך די לופט פונעם מויל פון די וועלכע פלאגן זיך אין די תורה, איז דער וועלט באשאפן געווארן און דורכדעם האלט זיך עס, און אוודאי אז דורך די לופט פון די מויל פון די יונגע תינוקות של בית רבן וואס איז לופט אן קיין זינד, דאס טוט זיכער האלטן דער וועלט.



הזהר הקדוש" ע"פ "מתוק מדבש" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל



קלענערע סעט – מהדורת ר' הערשל וועבער
(In 7/5)



גרויסע סעט (In 9.5/6.5)



"ובלכתך בדרך"
פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר' יוסף צבי בערגער
(6.5/4.5 In)

פאר דעליווערי רופט:
845.664.5168